תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
קרית יואל - בני ברק



נתייסד ע"י כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# חידו"ת

# ליו"ט שבועות

**כיתה ו' (א-ב)**

**הר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו**
**הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו**

וירד ה׳ על הר סיני. איתא בגמרא (סוטה דף ה׳ ע״א) ואת דכא ושפל רוח וכו׳ שהרי הקב״ה הניח כל הרים וגבעות והשרה שכינתו על הר סיני וכו׳, וקשה אם רצה ללמוד שהקב״ה את דכא ושפל רוח, מדוע בכלל נתן התורה על הר, היה ליתנה בעמק או במישור.

ושם בגמרא איתא תלמיד חכם צריך שיהיה בו אחד משמונה שבשמינית וכו׳ ורש״י כתב מעט גאוה שלא יהיו קלי הראש מסתוללין בו וכו׳, ויש להבין מנין למדו דבר זה, וצ״ל דהא דנתן הקב״ה התורה על הר לימד על זאת, אך מה ענין המספר אחד משמונה שבשמינית דווקא.

וי״ל דאיתא במדרש רבה (פ׳ ויחי צט, א) ובמס׳ מגילה (דף כ״ט ע״א) שבא הר תבור במתן תורה ואמר עלי ניתנת התורה, וכן הביא רש״י במס׳ סוטה על תיבות הניח כל הרים וגבעות, ובמס׳ בבא בתרא (דף ע״ג ע״ב) איתא שהר תבור גדול ד׳ פרסאות, ופרסה הוי ד׳ מיל, ומיל אלפיים אמות, נמצא הר תבור גדול ל״ב אלף אמות [ובוודאי הכוונה לאורכו, דאי לגובהו לא תמצא בכל העולם].

ואיתא במדרש (תהלים סח, ט) וסיני מהיכן בא, אמר ר׳ יוסי מהר המוריה נתלש וכו׳ הואיל ויצחק אביהם נעקד עליו, נאה לבניו לקבל עליו את התורה וכו׳, ובמס׳ מדות פ״ב מ״א דהר הבית היה ארכו ת״ק אמה, נמצא שהיה הר סיני (הבא מהר המוריה) חלק א׳ מס״ד מהר תבור.

וזה שאמר בגמ׳ דסוטה (שם) לעולם ילמד אדם מדעת קונו שהרי הקב״ה הניח כל ההרים וגבעות והשרה שכינתו על הר סיני, והיינו שצריך להיות קצת הר ולא לגמרי מושפל, זה למדו שצריך להיות לת״ח א׳ מס״ד גאווה שילמד מדעת קונו כנ״ל. (חנוכת התורה)

* * *

בזמירות ליום שב״ק (בחרוז יונה מצאה בו מנוח) ובאו כולם בברית יחד, נעשה ונשמע אמרו כאחד, ופתחו וענו ה׳ אחד, ברוך הנותן ליעף כח.

ואפ״ל לקשר מ״ש ופתחו וענו ה׳ אחד למה שמסיים ברוך הנותן ליעף כח, דהנה מתאמרא משמיה דהרה״ק השר שלום מבעלזא זי״ע לפרש מ״ש ופתחו וענו ה׳ אחד, דלכאורה לא מצינו שבני ישראל בשעת מתן תורה ענו ה׳ אחד, ותי׳ דאיתא בדברי חכז״ל שבני ישראל ענו על הן הן ועל לאו לאו, ולכאורה קשה האיך ענו על אנכי ועל לא יהיה לך שנאמרו בדיבור אחד כמ״ש בזוה״ק (פ׳ יתרו) במאה״כ (תהלים סב יב) אחת דיבר אלקים שתים זו שמעתי, וא״כ לא יכלו לומר הן על אנכי משום ששמעו גם לא יהיה לך, וגם לא יכלו לומר לאו על לא יהי׳ לך כי שמעו גם אנכי, ולזה ענו ואמרו ה׳ אחד, שזהו תשובה ברורה על ב׳ הדברות גם יחד, בין על הדיבור של אנכי ה׳ אלקיך ובין על הדיבור של לא יהי׳ לך אלהים אחרים, עכ״ד ודפח״ח.

עכ״פ רואין אנו בזה שבני ישראל בעת שעמד לפניהם ספק גדול כזה התחזקו עצמם, והשי״ת האיר עיניהם ולבם למצוא עצה הנכונה, וזה ירמוז במ״ש ברוך הנותן ליעף כח, שכן מצינו בפ׳ עקב (דברים ח יח), וזכרת את ה״א כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל, ופי׳ בתרגום אונקלוס, ותדכר ית ה״א ארי הוא יהב לך עצה וכו׳ עיי״ש, ולפי״ז א״ש השייכות ופתחו וענו ה׳ אחד, וע״ז אמר ברוך הנותן ליעף ״כח״ לעצה זו. (ברך משה)

# תיקון ליל שבועות

מנהג פשוט בישראל להיות עוסקין בתורה בליל שבועות לפי שישראל היו ישנים כל הלילה והוצרך הקב"ה לעוררן, כדאיתא במדרש, לכן אנו צריכין לתקן זה. **(מגן אברהם)**

*

וגודל מעלת לימוד בזה הלילה נראה ממעשה זה שכתב המקובל הקדוש הרב ר' שלמה אלקבץ בעל לכה דודי זי"ע שהיה חבר בבית דינו של ה"בית יוסף" והופיע עליו רוה"ק. וזה נוסח הכתוב (בקיצור): דעו לכם כי הסכמנו החסיד נר"ו (ר' יוסף קארו) ואני עבדו ועבדיכם מהחברים, לעמוד על נפשינו ליל שבועות ולנדד שינה מעינינו, ותודה לאל כן עלה בידינו כי לא הפסקנו רגע. רק אשר תשמעו ותחי נפשכם. וזה הסדר שתקנתי וסדרתי בלילה ההוא, - וכל זה באימה וביראה בניגון בטעם לא יאומן כי יסופר, ואח"כ למדנו משנה ---- ובעת שהתחלנו ללמוד המשנה ולמדנו שתי מסכתות, זיכנו בוראנו ונשמע את קול המדבר (רוח הקודש) בפי החסיד נר"ו (ר' יוסף קארו) קול גדול בחיתוך אותיות, וכל השכנים היו שומעים ולא מבינים, והיה הנעימות רב והקול הולך וחזק ונפלנו על פנינו ולא היה רוח באיש לישא עיניו לראות מרוב המורא, והדבור ההוא מדבר ממנו והתחיל ואמר: "שמעו ידידי המהדרים מן המהדרים, ידידי אהובי שלום לכם, אשריכם ואשרי יולדתכם, אשריכם בעוה"ז, אשריכם בעולם הבא - אשר שמתם על נפשכם לעטרינו בלילה הזה אשר זה כמה שנים נפלה עטרת ראשי ואין מנוחה לי, ואני מושלכת בעפר חובקת אשפתות ועתה החזרתם עטרה ליושנה. התחזקו ידידי! והתאמצי אהובי! שמחו ועלצו, ודעו כי אתם מבני עליה וזכיתם להיות מהיכלא דמלכא, וקול תורתכם והבל פיכם עלה לפני הקב"ה ובקע כמה אווירים וכמה רקיעים עד שעלה, ומלאכים שתקו ושרפים דממו והחיות עמדו וכל צבא מעלה להקב"ה שומעים את קולכם, והנני המשנה - - - המיסדת את האדם באתי אליכם - - - את כל הדברים האלה דבר אלינו ושמעה אזנינו ורבות כהנה וכהנה מעניני החכמה, כמה וכמה הבטחות גדולות, וכולנו געינו בבכיה מרוב השמחה - - - כה דברי לשוני אחיכם שלמה הלוי אלקבץ". ע"כ לשון הכתב. אשרי עין ראתה כל אלה. על כן כל אחד יקדש ויטהר עצמו בתוספות קדושה וטהרה. וטוב שיזהרו שלא ידברו באותו לילה בשום לשון חול רק הכל בלשון הקודש. **(של"ה הק', מס' שבועות)**

# שטיחת עשבים

נוהגין להשטיח רצפת ביהכ"נ בבשמים של עשבים ובשושנים, לשמחת הרגל. **(מהר"ל)**

*

נוהגין לשטוח עשבים בביהכנ"ס והבתים, זכר לשמחת מתן תורה. **(רמ"א)**

*

ונוהגין לשטוח עשבים ביו"ט דשבועות בבית הכנסת ובבתים זכר לשמחת מתן תורה שהיו עשבים סביב הר סיני, שנאמר: "גם הצאן והבקר אל ירעו אל מול ההר ההוא". **(לבוש)**

נוהגין להעמיד אילנות בבית הכנסת ובבתים. ונ"ל הטעם שיזכירו שבעצרת נדונין על הפירות האילן ויתפללו עליהם. **(מגן אברהם)**

*

מנהג ישראל תורה היא להכין שושנת ורדים ושאר עשבי בשמים בחג השבועות, וגם מעטרים בהם את התורה. **(בני יששכר)**

*

ומרבים במיני פרחים המריחים, לשמחת היו"ט הזה. **(יעב"ץ)**

משה רבינו נולד בז׳ אדר (קידושין לח.), ותצפנהו (אמו) שלשה ירחים - ואח"כ ותשם בסוף על שפת היאור (שמות ב. ב.) - היה זה בחג השבועות שלושה חדשים לאחר הולדתו. ולזכר זה שוטחים עשבים בשבועות. **(חידושי הרי"ם)**

והטעם הוא לפי שכשיצא הדיבור מהקב"ה נתמלא העולם בבשמים כדרז"ל, ולרמז זה נוהגים בבשמים ביום מ"ת. **(מדרש תלפיות)**

*

מנהג להניח עשבים בעצרת. אולי י"ל שעשב נוטריקון: **ע**׳צרת **ש**׳בועות **ב**׳יכורים. שמות שיש לחג הזה. **(יכהן פאר)**

*

מעמידים אילנות בחג שבועות, כי על שעת מתן תורה נאמר: (תהילים כט. ה.) "קול ה׳ שובר ארזים". **(זכרון אשר)**

# אכילת מאכלי חלב

נהגו לאכול דבש וחלב בחג השבועות מפני התורה שנמשלה לדבש וחלב, כמו שנאמר: דבש וחלב תחת לשונך (שיר השירים ד.) **(כל בו)**

*

ונ"ל הטעם, שהוא כמו השני תבשילין שלוקחין בליל פסח זכר לפסח וזכר לחגיגה, כן אוכלים מאכל חלב ואח"כ מאכל בשר וצריכין להביא עמהם ב׳ לחם על השולחן שהוא במקום מזבח, ויש בזה זכרון לב׳ הלחם שהיו מקריבים ביום הביכורים. **(רמ"א סימן תצ"ד)**

*

ויש רמז לזה, שנאמר: "מנחה **ח**׳דשה **ל**׳ה׳ **ב**׳שבועתיכם" - ר"ת **חלב**. **(מטה משה)**

*

חלב בגימטריה מ׳, רמז למ׳ יום שניתנה בהם התורה. **(ספר מטעמים)**

*

איתא במדרש, שמונה שמות להר סיני ואחד מהם: "גבנונים" מלשון נקי כגבינה, לכן אוכלים גבינה בשבועות כי קבלנו את התורה על הר ששמו כן. **(בשם ר׳ שמשון מאוסטראפולי)**

*

מנהג לאכול מאכלי חלב, כדי לרמז כי אנו מוזהרין על אכילת בשר בחלב, ובעבור זה ניתנה התורה לנו ולא למלאכים שאכלו בשר בחלב אצל אברהם אבינו. **(באר היטב)**

*

מובא כי יש לעשות סעודה בכל גמר מצוה. ולכן נוהגין לאכול מאכלי חלב בחג השבועות, עבור סעודת סיום מצות ספירת העומר. ודוקא מאכלי חלב בכדי שיהיה ניכר שזה לשם סיום המצוה, משא"כ באם נעשה את סעודת הסיום במאכלי בשר, שאז לא יהא ניכר שהסעודה בא לשם סיום מצות ספירת העומר, אלא לכבוד סעודת החג. **(מדרש פנחס)**

*

עד מתן תורה היה מותר להם לישראל בהמות טמאות, טריפות ונבילות, ברם, במתן תורה נצטוו ישראל על השחיטה ועל מאכלים אסורים ונאסר עליהם השמוש בכלים הבשריים שהשתמשו בהם, כיון שיש בהם בליעה מאיסור, ולהגעיל את הכלים לא יכלו כי שבת היה - דהרי בשבת ניתנה תורה לישראל" (שבת פו) - ונאלצו אז ישראל לאכול מאכלי חלב, ולכך מנהגינו לאכול מאכלי חלב בחג השבועות.

**(גאולת ישראל)**

*

בששה בסיון משו את משה רבינו מהמים, ובו ביום החזירתו בת פרעה על מצריות רבות ולא רצה לאכול מהם אלא מאישה עבריה, לפי שעתיד היה לדבר עם השכינה. ולכן אוכלים מאכלי חלב בחג השבועות - יום שמשו את משה רבינו מהמים - כדי להזכיר את זכותו שלא רצה לינוק מחלב הנוכריות. **(ילקוט יצחק)**

# די לעצטע טעג פון
# דוד מלך ישראל

**אין טאג שבועות ווערט פארעכנט די יארצייט פון אידישן קעניג "דוד המלך" מיר וועלן דא בעזרת השי"ת באשרייבן ווי אזוי עס איז געווען די טאג פון זיין פטירה און וואס עס האט פאסירט אין דעם טאג, לויט ווי עס ווערט באשריבן אין די הייליגע חז"ל.**

ווען דוד המלך ע"ה איז שוין געווען אלט און שוואך, האט ער זייער שטארק געוואלט וויסן ווען עס וועט קומען דער טאג וואס ער וועט זיך דארפן שיידן פון די וועלט, ער האט וועגן דעם זייער פיל מתפלל געווען און צום באשעפער געבעטן: "הודיעני ה' קצי ומדת ימי מה היא אדעה מה חדל אני" (תהלים קאפיטל ל"ט) [באשעפער, מאך מיר וויסן די ענדע פון די צאל פון מיינע טעג], אבער דער באשעפער האט אים געענטפערט: "ניין, עס איז נישט מעגליך, אז איך זאל דיר דעם וואונטש ערפילן, ווייל איך וויל נישט אז א מענטש זאל וויסן פריער דעם טאג פון זיין טויט".

"איז אפשר מעגליך" האט זיך ווייטער דוד המלך געבעטן, אז איך זאל כאטש וויסן אין וועלכן טאג עס וועט מיר אויסקומען זיך צו געזעגענען פון די וועלט? "יא!" האט דער דער באשעפער געענטפערט, "דער טאג פון דיין שטארבן וועט אויסקומען שבת קודש".

האט דוד ווייטער געזאגט: "עס וואלט מיר געווען בעסער צו שטארבן אין א זונטאג, האט אים הקב"ה געענטפערט: "דאס קען נישט געשען, ווייל איך האב באשטימט אויף דעם טאג פון זונטאג, זאל זיך אנהייבן די קעניגרייך פון דיין זון שלמה" האט זיך דוד המלך ווייטער גע'טענה'ט, "איך וויל אוועקגיין פון די וועלט ערב שבת", האט דער באשעפער געענטפערט: "ניין, דאס וויל איך נישט, פארוואס זאל איך מקצר זיין דיין לעבן מיט א טאג, כל זמן איין איינציגער טאג וואס דו ביסט צו מיר מתפלל, איז מער ווערד ווי טויזנט קרבנות, וואס דיין זוהן שלמה וועט פאר מיין כבוד'ס וועגן מקריב זיין אין דעם בית המקדש.

דוד המלך האט שוין יעצט געשוויגן און זיך מער נישט איינגעבעטן. ער האט שוין געוואוסט אז דאס איז זיין באשטימטער טאג אין שבת קודש. דערפאר האט ער יעדן שבת געהאלטן און איין עוסק זיין אין תורה מיט

תפלה, כדי זיין נשמה זאל ארויפקומען ריין אויף יענער וועלט.

און ווען עס איז אוועקגעגאנגען א שבת און דוד המלך האט נאך איבערגעלעבט, האט ער מוצאי שבת געמאכט גאר א גרויסע סעודה, דאס איז נאך פארבליבן ביז צום היינטיגן טאג וואס דאס איז באקאנט מיטן נאמען: "מלוה מלכה", דאס איז איינע פון די טעמים פארוואס מ'עסט די סעודה פון מלוה מלכה, אויסער דעם וואס מען באגלייט מיט דעם דעם שבת קודש.

א צייט שפעטער, ווען עס איז שוין געקומען די ריכטיגע צייט, וואס דוד המלך האט געדארפט נפטר ווערן, איז דאס טאקע געווען שב"ק!, און דער מלאך המוות האט באקומען א באפעל, אז ער זאל יעצט ברענגען דוד'ס נשמה אין הימל, לייכט איז אים דאס נישט אנגעקומען, באטש ער האט שוין טויזנטער יארן שטארק געארבעט אין אזעלכע זאכן, אבער דאך איז אים דאס שווער געגאנגען, ווייל ווען ער איז שוין געקומען צום קעניג'ס פאלאץ, האט ער אים געטראפן עוסק זיין אין די תורה הק', זיינע ליפן האבן אפילו איין מינוט נישט גערוהט און זיינע געדאנקען זענען געווען פארטראכט אין תורה, דערפאר האט דער מלאך המוות אויף אים קיין שליטה נישט געהאט און אים גארנישט געקענט טאן.

עס איז אריבער א שעה צוויי און דער מלאך המוות איז שוין מיד געווארן ווארטנדיג, און דערצו האט ער אויך קיין צייט נישט געהאט, ווייל ער איז שטענדיג געווען זייער פארנומען, אויספירנדיג דאס שליחות פון באשעפער, צו ברענגען די מענטשליכע נשמות אין גן עדן, אדער אין גיהנום אריין, ער האט זיך דערפאר אן עצה געגעבן:

ער איז ארויף אויף איינע פון די ביימער פונעם גארטן, און דארטן צווישן די צווייגן, האט ער געמאכט א גרויסן רעש, אזוי אז דער קעניג האט דאס געמוזט הערן, ער איז געווען נייגעריג וואס דארטן אינדרויסן טוט זיך, ער האט דערפאר באשלאסן אליין ארויסצוגיין אין גארטן זען וואס גייט דארט פאר. דאס איז געווען וואס דער מלאך המות האט געוואלט אויספירן, מער האט ער שוין נישט געדארפט, קוים איז דער קעניג אראפ געגאנגען איין איינציג טרעפל פון זיין פאלאץ, און דאן האט שוין דער מלאך המוות געהאט די גאנצע שליטה אויף אים, "דער טרעפל האט זיך איצט איבערגעבראכן און דוד המלך האט איין סקונדע מפסיק געווען פון זיין לערנען, גלייך איז ער אראפגעפאלן און נפטר געווארן, דער מלאך המוות איז מיט די ריינע נשמה גלייך ארויף אין הימל אריין.

ווען די אומגליק איז געשען מיטן קעניג דוד, איז באלד אין קעניגליכן

פאלאץ געווארן א גרויסער רעש, אפאר מינוט שפעטער איז שוין דארט געווען דער שפעטער'דיגער קעניג שלמה מיט אלע זיבעציג סנהדרין און די הערן פון דעם קעניג'ס פאלאץ. אין אנפאנג האט שלמה געוואלט געבן א באפעל צו די באדינער'ס, אז זיי זאלן דעם קערפער פונעם קעניג אריינעמען אין פאלאץ, כדי ער זאל נישט ליגן אינדרויסן, אבער דא האבן זיך תיכף אריינגעמישט די סנהדרין, און זיי האבן אים נישט געלאזט אויספירן זיין באפעל, ווייל א טויטע קערפער טאר מען נישט אנרירן אין שבת, אפילו איין איינציגן אבר נישט. האט שלמה געפרעגט מיט א שטימע דורכגעווייקט פון טרערן: "וואס זאל איך דען טוהן מיט די קערפער פון טויטן פאטער זאל מען אזוי לאזן דעם גאנצן טאג?", "עס איז פארהאנען אן עצה", האט דער ראש הסנהדרין געזאגט, "באפעל דיינע באדינערס, זיי זאלן אויפן קערפער אוועק לייגן א ברויט, אדער א לעבעדיגער קינד, יעצט וועלן זיי שוין מעגן אריינטראגן דעם טויטן קערפער אין פאלאץ, ווייל זיי וועלן נישט טראגן דעם טויטן, נאר דאס ברויט אדער קינד".

אין די זעלבע צייט וואס שלמה האט געהייסן אויספירן דעם באפעל פון די סנהדרין, האט מען פלוצלינג, דערהערט זייער א שטארקע בילעריי פון די הינט, וועלבע זענען געווען אין דעם קעניגליבן שטאל, זיי האבן זיך אזוי שטארק געלאזט הערן, ווייל זיי זענען געווען זייער הונגעריג, האט זיך שלמה געווענדעט צום עלסטן פון די סנהדרין און געפרעגט:"צו מ'מעג יעצט צושניידן א טויטע אקס פאר די הונט, ווייל מען האט נעכטן פארגעסן עס צוצושניידן ?" "וואספארא פראגע איז דאס?" האט דער עלטסטער פון די סנהדרין געענטפערט, זיכער מעג מען, די הונט זענען דאך באשעפענישן וואס ענק דארפן זיי שפאזן".

"איך קען דאס נישט פארשטיין" האט זיך איינער דארט אנגערופן, "בארעכן זיך גוט: אט ליגט דא אונזער טייערער באליבטער קעניג וועלבער איז מיט עטליבע שעה פריער געווען מיט אונז, טאר מען אים נישט אנרירן און אים אריין טראגן אין פאלאץ, כדי דער שבת זאל חלילה נישט פארשוועכט ווערן, אבער פאר די הונט, מעג מען גיין האקן פלייש, און מטלטל זיין א נבילה?" "אזוי איז דאס", האבן די סנהדרין געענטפערט.

און שלמה המלך האט דערויף געשריבן אין קהלת "כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת", (קהלת קאפיטל ט' ד') [א לעבעדיגער הונט, איז בעסער ווי א טויטער לייב, ווייל פאר די הונט מעג מען יא מחלל זיין, אבער אזא הייליגער מענטש איז מוקצה.]...

# די שבועות דרשה

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע איסער דעם וואס ער איז געווען באוואוסט מיט זיין געוואלדיגע גאונות אין צדקות אין די גאנצע וועלט, איז ער געווען באוואוסט מיט זיין צדקה אלס א יחיד בדורו.

פון גאנץ גאליציע פלעגן קומען צו פארן קיין צאנז הונדערטער ארימעלייט, זיך אויסרעדן די הארץ פארן צדיק, זיי האבן געוואוסט אז קוים וואס זיי טרעטן איבער די שוועל גלייך געבט זיי דער רבי אוועק אלס וואס ער פארמאגט נאך.

דריי סארטן ארימעלייט האט דער צאנזער רב אויסגעהאלטן, עס זענען געווען פשוט'ע ארימעלייט וואס גייען ארום איבער די הייזער, פאר זיי פלעגט דער צאנזער רב געבן די גאנצע קוויטל געלט, וואס ער האט געהאט אויפן טיש, עס זענען געווען אויך ארימעלייט אמאליגע עשירים וואס זענען פארארעמט געווארן, און זיי האבן זיך געשעמט מען זאל געוואר ווערן אין שטאט אז זיי זענען פארארעמט געווארן, וועגן זיי האט טאקע קיינער נישט געוואוסט נאר דער צאנזער רב אליינס און זיין גבאי ר' משה יהושע, דער רבי פלעגט זיי געבן אלעס שטילערהייט, עס זענען אבער געווען נאך א סארט ארימעלייט וואס זיי זענען געווען געפאלענע עשירים, וואס וועגן זיי האט שוין דער גבאי אויך נישט געוואוסט, זיי פלעגן קומען צום רבי'ן אויף יו"ט און זיך אויפפירן גביר'יש, און אליין טיילן גרויסע געלטער, אבער שטילערהייט האט זיי דער רבי אויסגעהאלטן, זיי פלעגט ער שוין געבן גרויסע געלטער כדי זיי זאלן זיך קענען צוריק שטעלן אויף די פיס.

דער צאנזער רב פלעגט נישט געבן סתם א נדבה פאר אן ארימאן כדי צו יוצא זיין, נאר ער איז שטענדיג אריינגעגאנגען אינעם מצב פון דעם ארימאן און פונקטליך אויסגעפרעגט אלע פרטים ווי אזוי עס גייט אים ווי שווער איז זיין מצב און לויט דעם האט ער געגעבן א שיינע מטבע.

איינמאל איז די רעבעצין געגאנגען אין מארק איינקויפן אויף שבת, האט זי געוואלט קויפן א גרויסע הינדל ביי א גוי'טע, די גוי'טע האט געוואלט זייער א גרויסן פרייז און די רעבעצין האט נישט געוואלט צאלן אזא גרויסע פרייז, אבער ווי ערשטוינט איז די רעבעצין געווארן ווען זי איז אוועק געגאנגען האט זי געזען ווי עס קומט צו א אידענע וואס די רעבעצין האט איר געקענט, ווייל איר מאן פלעגט יעדע וואך באקומען געלט ביים הייליגן צאנזער רב, די אידענע האט גלייך באצאלט פאר די גוי'טע די גרויסע פרייז וואס זי האט געפאדערט, די מעשה האט זייער פארדראסן פאר די צאנז'ער רעבעצין, זי איז אהיים צו איר הייליגן מאן זייער אויפגערעגט, און אים דערציילט די גאנצע מעשה אז ער זאל וויסן ווער די ארימעלייט וואס ער האלט אויס זענען, ווען דער צאנזער רב האט דאס דערהערט, האט ער גלייך געהייסן אריינרופן זיין גבאי, ווען דער גבאי איז אריינגעקומען האט ער אים געזאגט: זאג נאר וויפיל געלט באקומען די משפחה יעדע וואך? האט דער גבאי געענטפערט פופצן

גילדן! האט זיך דער הייליגער צאנזער רב אנגערופן פון היינט און ווייטער זאלסטו זיי צושטעלן נאך דריי גילדן יעדע וואך, און ער האט מסביר געווען, אז א ארימאן דארף האבן וויין דארף מען אים געבן וויין, אז אן ארימאן דארף האבן פלייש דארף מען אים געבן פלייש, אז איך האב זיך יעצט דערוואוסט אז די משפחה דארף האבן מער און בעסערע פלייש מוז מען זיי געבן נאך דריי רובל א וואך כדי זיי זאלן קענען קויפן וואס זיי דארפן.

איינמאל האט זיך דער גבאי געדאכט ווי ער הערט דעם צאנזער רב רעדן מיט איינעם, דאס איז געווען פארטאגס, האט אים דאס זייער געוואונדערט ווער קען דאס זיין, איז ער אריינגעגאנגען אין צימער האט ער געזען אז א אלמנה געפינט זיך ביים רבי'ן מיטן שמש, און בעט דעם רבי'ן א נדבה, האט זיך דער שמש אנגערופן ערשט נעכטן האב איך אייך אריינגעטראגן געלט, וואס ווילט איר נאכאמאל, האט זיך די אלמנה אנגערופן אז עס איז נישט גענוג פאר די הוצאות פון שטוב, ווי קען זי צוקוקן ווי אירע יונגע יתומים׳לעך גייען אויס פאר הונגער, רופט זיך אן דער הייליגער צאנזער רב, משה יהושע, בארג מיר עטליכע גילדן כדי צו קענען געבן צו די אלמנה פאר אירע יתומים צום לעבן, דער גבאי האט געענטפערט אז ער האט נישט ביי זיך, האט זיך דער צאנזער רב אנגערופן, איר זעט דאך אז איך האב נישט ביי מיר, האט זיך די אלמנה אנגערופן איך וועל אהער ברענגען מיינע יתומים און דער רבי וועט זיי שפייזן, האט זיך דער רבי ווייטער אנגערופן איר זעט דאך אז איך האב נישט יעצט, האט זי זיך ווייטער אנגערופן איך ברענג די יתומים אהער. האט זיך דער צאנזער רב אנגערופן, ווייסט וואס, נעם מיין כאלאט, גיי פארקויף דאס און פון דעם ווערסטו האבן פון וואס צו לעבן. אזוי רעדנדיג האט זיך דער צאנזער רב אויסגעטאן זיין כאלאט, ווען דער גבאי האט געזען אז עס איז אזוי ערנסט אז דער רבי וויל שוין אוועקגעבן זיין כאלאט וועלכע איז ווערט אסאך מער, האט ער אריינגעלייגט די הענט אין זיין טאש און פון דארטן ארויסגענומען עטליכע גילדן אין דאס דערלאנגט די אלמנה, האט זיך דער צאנזער רב אנגערופן זייער בייז, דו האסט געהאט ביי דיר געלט און דו האסט דאס נישט געוואלט פארבארגן פאר צדקה, ווען ח"ו דיין ווייב וואלט געווען אן אלמנה וואלסטו דאך אראפגעקוקט פון אויבן ווי זי בעט זיך אויף א שטיקל ברויט, ווי אזוי וואלט דיר דאס געפעלן.

אויך די הייליגע קינדער פונעם צאנזער רב האבן געוואוסט אז מען דארף היטן זייער פאטער עס זאל נישט צוקומען צו אים קיין סאך ארימעלייט, ווייל ווען נישט האט זיך געקענט מאכן אז זיינע קינדער האבן אליין נישט געהאט געלט אויף שבת, און דאס גאנצע געלט וואס זייער פאטער האט נאר געהאט האט ער אלס אוועקגעגעבן פאר די ארימעלייט וואס האבן זיך געדרייט אין צאנזער הויף, אבער נישט שטענדיג האבן זיי געקענט היטן אויף אים, ווייל נאר ווי דער צאנזער רב האט באקומען עפעס געלט האט ער דאס גלייך אוועקגעגעבן.

דער צאנזער רב פלעגט אויך אויסנוצן אלע געלעגנהייטן כדי ארויסצובאקומען געלט ביי די גבירים פאר זיינע צדקות, אזוי האט ער פורים פאר די מגילה פארקויפט עולם הבא ווער עס וועט געבן מער געלט פאר די זאגט ער צו א גרעסערע חלק עולם הבא ארימעלייט.

# די צאנזער קרעפל פשעטל - שבועות תשל"ט

צווישן די חסידים פון הייליגן צאנזער רב זי"ע, איז נישט געווען קיינער וואס האט געוואלט פארפעלן די פשעטל פונעם צאנזער רב וואס ער האט געזאגט יעדעס יאר שבועות, מ'פלעגט קומען צו גיין פון גאר ווייט, נאר כדי צו הערן די פערל רייד וואס גייט ארויס פון זיין מויל.

אזוי איז געווען יאר נאך יאר.

אבער, אין איינע פון די יארן ווען דער צאנזער רב איז שוין געווען אלט און שוואך האט ער פארלאזט דעם בית המדרש גלייך נאכן טיש און איז אריין צו זיך אין צימער.

אין שול איז די וואונדער געווען גרויס, וואס האט דא פאסירט? קיינער האט נישט פארשטאנען וואס איז דאס יאר אנדערש פון אלע יארן, עטליכע מינוט שפעטער האט דער משמש געשטאנען ביים טיר און צוגערופן עטליכע עשירים פון די חסידים זאגנדיג: "דער רביווארט אויף אייך אין צימער".

פארוואונדערטע האבן די עשירים געשפאנט נאכן משמש צום רבי'ן אין צימער, וואס וויל דער רב פון זיי?

דער צאנזער רב האט זיי נישט געלאזט לאנג ווארטן נאר ער האט באלד אנגעפאנגען: אזוי ווי איך בין שוין שוואך און איך בין נישט בכח צו רעדן לאנגע פשעטלעך, וועל איך רעדן א פאר קורצע ווערטער צו אייך, עס איז אייך זיכער באקאנט אז איך ברויך האבן אפאר טויזנט רובל פאר א כלה אן ארימע יתומה, בעט איך יעצט פון אייך איר זאלט צוזאמרעכענען צווישן זיך וויפל יעדער פון אייך קען געבן ביז איר וועט צוזאם שטעלן די גאנצע סומע.

די גבירים וועלכע האבן געוואוסט וויפל זייער רבי געבט זיך אוועק פאר ארימע און צובראכענע, האבן זיי זיך געאיילט צו טוהן זיין פארלאנג און נאך א קורצע צייט איז דער משמש געשיקט געווארן צום צאנזער רב אים איבערצוגעבן אז באלד מוצאי יו"ט וועט ער באקומען די גאנצע סומע. דער דברי חיים האט ממש אויפגעלויכטן און אויסגערופן: "דאס איז געווען די שענסטע שבועות פשעטל וואס איך האב געזאגט אין מיין לעבן".

* * *

דעם לעצטן שבועות פון רבינו הק' זי"ע האט ער געפראוועט אין קרית יואל – ברוב עם הדרת מלך, מיט רבבות חסידים פון אלע עקן וועלט איז ער נישט געווען בכח צו זאגן א קרעפל פשעטל האט ער דערציילט די אויבן דערמאנטע מעשה, און האט געבעטן פון עטליכע נגידים געלט פארן בנין המתיבתא אין קרית יואל.

# די מצוה פון ביכורים

די עיקר צייט פון ברענגען ביכורים איז פון שבועות ביז סוכות, דעריבער רופט זיך דער יום טוב שבועות "יום הביכורים", ווייל פון דעמאלטס אן הייבט מען אן צו ברענגען ביכורים אין בית המקדש.

די מצוה פון "ביכורים", ווען השי"ת העלפט א איד און ער האלט שוין ביים שניידן די פרוכט, דעמאלטס איז די צייט פון זיין פרייד דארף ער געדענקען אז אלע ברכות און אלעס גוטס קומט נאר פון השי"ת.

צוויי ערליי ביכורים [ביכורים איז טייטש ערשט געצייטיגטע תבואה און פרוכט] האט מען געברענגט שבועות אין בית המקדש.

איינס "ביכורי קציר החטים", דעם קרבן "שתי הלחם" צוויי ברויטן וואס איז געמאכט געווארן פון נייעם ווייץ, וואס איז געוואקסן אין דעם יאר, וואס מען האט מקריב געווען אין בית המקדש שבועות, און פון דעמאלטס אן האט מען שוין געמעגט ברענגען פונעם נייעם ווייץ פאר א קרבן מנחה אויפן מזבח.

דאס צווייטע סארט ביכורים איז געווען פון פירות האילן, די צייט פון ווען מ'האט אנגעהויבן ברענגען קיין ירושלים די ערשט געצייטיגטע פרוכט פון די זיבן מינים וואס ארץ ישראל איז געלויבט געווארן מיט זיי, וואס זענען געוואקסן אין ארץ ישראל.

מן התורה איז נישטא קיין שיעור וויפיל פירות צו געבן אזוי ווי מיר זאגן די משנה יעדן טאג "אלו דברים שאין להם שיעור, הפאה, והביכורים", די חכמים האבן אבער יא גענעבן א שיעור, איינס פון זעכציג, א זעכציגסטל חלק.

די גמרא זאגט (ר"ה טז.) רב יהודה זאגט פון רבי עקיבא פארוואס האט די תורה געהייסן ברענגען צוויי ברויטן שבועות, ווייל דעמאלטס איז די צייט וואס די פרוכט פון דיביימער ווערן געצייטיגט, האט הקב"ה געזאגט: ברענגט פאר מיר די צוויי ברויטן כדי איך זאל פאר אייך בענטשן די פרוכט פון די ביימער פון דאס יאר.

## דער סדר פון ברענגען "ביכורים"

באמת וואלט יעדער איד די מצוה געקענט אליין מקיים זיין אזוי ווי אלע אנדערע קרבנות און אזוי ווי ביי תרומות און מעשרות, אבער אידן האבן די מצוה,

וואס ווערט געברענגט איינמאל א יאר, מקיים געווען מיט גרויס פרייד און "ברוב עם הדרת מלך" ווי חז"ל דערציילן אונז:

אידן פון אלע אידישע שטעטלעך ארום ירושלים און פון גאנץ ארץ ישראל האבן זיך צוזאם גענומען אויף איין פלאץ יעדער איינער מיט זיין קויש פירות.

אלע וואס האבן געהאט ביכורים פון די שטעטלעך פון דעם מעמד זענען זיך צוזאמגעקומען צו די שטאט פון הויפט פון מעמד.

די ישראלים זענען צוטיילט געווארן אויף פיר און צוואנציג גרופעס [מעמדות], יעדער מעמד האט געהאט א הויפט, יעדער מעמד האט געשיקט שלוחים וואס זאלן וואוינען אין ירושלים, אויף יעדע וואך איז געווען איינגעטיילט אן אנדערער מעמד.

די וואך וואס עס איז געווען די רייע פון א מעמד זענען די שלוחים געשטאנען ביים מקריב זיין דעם קרבן תמיד, זיי האבן דורך דעם פארטרעטן דעם גאנצן כלל ישראל, דאס מיינט אז עס איז גערעכנט כאילו אלע אידן וואלטן געשטאנען ביים מקריב זיין דעם קרבן, ווייל דער דין איז אז ווען איינער איז מקריב א קרבן דארף ער שטיין דארטן אין דער צייט וואס מען איז עס מקריב, וואלטן דאך אלע אידן געדארפט זיין יעדן טאג אין בית המקדש און שטיין ביים מקריב זיין דעם קרבן תמיד, וואס דאס איז דער קרבן פון כלל ישראל, דערפאר זענען די שלוחים דארט געשטאנען אנשטאט אלע אידן.

די איבריגע פונעם מעמד וואס זענען געבליבן אינדערהיים זענען זיך צוזאמען געקומען פון די ארומיגע שטעטלעך צו די שטאט פון דעם הויפט פונעם מעמד, און דארט פארברענגט מיט תפילה און תחנונים פאר'ן כלל ישראל, אויך האבן זיי געפאסט פיר טעג פון די וואך.

די ביכורים האבן די רייכע ארייגעלייגט אין גאלדענע אדער זילבערנע קוישן, און פון די ארימעלייט איז געווען געמאכט זייער שיין געפלאכטן פון די צווייגן פון די ערבהביימער.

די וואס האבן געוואוינט נאנט צו די הייליגע שטאט ירושלים האבן געברענגט פרישע פייכטע פירות, די וואס האבן געוואוינט ווייט און האבן מורא געהאט אז אויפן וועג זאלן די פירות נישט פארדארבן ווערן, האבן זיי עס געברענגט אויסגעטריקנטערהייט, ווי ראז'ינקעס און טריקענע פייגן.

ביי די זייטן פון די קוישן האט מען צוגעבינדן טויבעלעך, וואס מען האט שפעטער מקריב געווען אין בית המקדש אויפן מזבח פאר א קרבן עולה.

אויך האט מען אנגעגרייט א אקס און באצירט זיינע הערנער מיט גאלד, און צווישן די הערנער האט מען געשטעלט א שיינעם געפלאכטענעם קרוין, געמאכט פון הערליבע בלעטער און צווייגן פון א זיתים בוים, (ווייל זיי בלייבן א לאנגע צייט פריש,) דעם אקס האט מען אויך מקריב געווען אין ירושלים, פאר א קרבן שלמים.

אין די שטאט ווי דער הויפט פונעם מעמד האט געוואוינט, האט יעדער גענעבטיגט אויפן גאס אונטערן פרייען הימל, כדי אפצוהיטן די פירות זיי זאלן נישט טמא ווערן, זענען זיי נישט אריין אין קיין געצעהלט און זיי האבן גענעכטיגט אין גאס.

אזוי ווי עס האט געטאגט האט דער הויפט זיי אויפגעוועקט אויסרופנדיג מיט א מעכטיגע שטימע דעם פסוק פון ירמי' (לא, ה) "קומו ונעלה ציון אל ה' אלקינו", שטייט אויף אידישע קינדער לאמיר ארויפגיין קיין ירושלים צום בית המקדש צום הויז פון אונזער באשעפער.

נאכ'ן דאוונען האבן זיי אויסגעשטעלט מיט א סדר.

צוערשט איז געגאנגען דער אויסגעצירטער אקס, וואס מען האט שפעטער מקריב געווען אין בית המקדש פאר א "שלמים", נאך איהם די שפילער'ס מיט מוזיקאלישע פייפערס, און דערנאך אלע וואס זענען ארויף קיין ירושלים.

גייענדיג אויפן וועג האבן די שפילערס נישט אויפגעהערט צו שפילן, און אלע האבן געזינגען מיט פרייד דעם פסוק אין תהלים (קכב, א) "שמחתי באומרים לי בית ה' נלך", מען האט די פרייליכע געזאנגען געהערט גאר ווייט ארום און ארום.

אנקומענדיג נאנט צו ירושלים, האבן זיי געשיקט א שליח צו לאזן וויסן די איינוואוינער פון ירושלים אז די גרופע דערנעענטערט זיך, ווארטנדיג, האבן זיי אראפ גענומען די בכורים פון די אייזלען, און שיין באצירט דעם קויש מיט שיינע פרישע פייכטע פירות.

דערווייל זענען אנגעקומען די זקנים, די אנפירערס, חשוב'ע מענטשן פון די כהנים און לויים צו מקבל פנים זיין די ביכורים ברענגער.

ווי מער ביכורים ברענגער עס זענען אנגעקומען, אזויפיל מער זקנים, תלמידי חכמים, און ערליכע אידן פון די כהנים און לויים זענען אנטקעגן געקומען.

ווען זיי האבן זיך געטראפן, האבן די ביכורים ברענגער, גענומען די קויש אין די הענט [ביז יעצט האבן זיי געפירט די ביכורים אויף אן אייזל אדער וואגן, אבער יעצט האבן זיי עס געהאלטן שיין אפן אין די האנט], פאר גרויס חשיבות און ליבשאפט, מקיים צו זיין די מצוות פון השי"ת, דער גאנצער פאראד האט אריינמארשירט מיט געזאנג קיין ירושלים, די שפילערס האבן ווייטער פלייסיג געשפילט און יעדער האט מיט גרויס התלהבות און ברען פייערדיג געזונגען שירות ותשבחות פאר השי"ת וואס האט זיי געגעבן די גוטע פירות.

ווען זיי האבן ענדליך דערגרייכט ירושלים עיר הקודש האט יעדער געזאגט "עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים", אונזערע פיס שטייען שוין צווישן די טויערן פון ירושלים.

דורך די גאסן וואו די גאנצע גרופע איז אדורך געגאנגען, האבן אלע ארבייטער אפגעשטעלט זייער ארבעט און זיך אויפגעשטעלט פאר די ביכורים ברענגער.

יעדער האט זיי באגריסט, און זיך נאכגעפרעגט ווי אזוי איז אדורך דער וועג א.א.וו.

אזוי גייענדיג איז די שמחה אלץ געשטיגן און געוואקסן ביז זיי זענען אנגעקומען צום הר הבית.

דארט האט מען שוין ארויף געלייגט די קויש אויף זייער פלייצע, צו ווייזן נאך א גרעסערע חשיבות און ליבשאפט פאר די מצוה.

אפילו דער קעניג פון די אידן האט אויך געלייגט דעם קויש פון ביכורים אויף זיין פלייצע און עס אליין ארויף געטראגן צום בית המקדש, דארט האט מען אנגעהויבן זינגען "הללוקה הללו קל בקדשו", ביז מען איז אנגעקומען צו די עזרה.

דארט האט מען געענדיגט דאס קאפיטל מיט די ווערטער "כל הנשמה תהלל י-ה הללוי-ה".

ווען מען איז אנגעקומען צו די עזרה האבן די לויים אנגעהויבן צו זינגען "ארוממך ה' כי דליתני ולא שמחת אויבי לי", איך טוה דערהייבן און לויבן דיך הייליגער באשעפער, וואס דו האסט מיך דערהויבן, און דו האסט נישט דערפרייט מיינט פיינט אויף מיר.

ווייטער האט מען אויסגעפירט די מצוה לויט די הלכות פון ביכורים, און מען האט געזאגט די לויב ווערטער פאר השי"ת מיט א ניגון, זיך באדאנקט פאר די גוטע פירות, און געלויבט השי"ת אויף ארץ ישראל וואס ער האט געגעבן פאר אידן.

מען האט אוועק געשטעלט די קויש מיט די פרוכט נעבן מזבח, נאכדעם וואס דער כהן הויבט דאס אויף און עס גייט אריין אין רשות פון כהן, ביקט זיך דער ישראל ווי עס שטייט "והשתחוית לפני ה' אלקיך", און מ'האט מקריב געווען קרבנות, א.א.וו.

דער סדר פון זיך ביקן אין בית המקדש איז געווען, אז יעדער וואס איז ארויס געגאנגען פון בית המקדש אפילו א כהן נאך זיין עבודה האט זיך געמוזט ביקן, דערפאר האט מען זיך געביקט ווען מען איז ארויס נאכ'ן ברענגען די ביכורים, דאס ביקן איז געווען אז מען איז געלעגן אויף די ערד אויסגעצויגן די הענט און די פיס.

די שמחה שפעטער איז געווען גרויס, אלע זענען געבליבן נעכטיגן א נאכט אין ירושלים און מען האט געפראוועט סעודות און אפגעגעבן א שבח והודאה צו השי"ת וואס מען האט זוכה געווען צו מקיים זיין די מצוה בשמחה, און ערשט דעם אנדערן טאג אינדערפרי איז מען אהיים געגאנגען.

וואויל פאר די אויגן וואס האבן זוכה געווען צו זעהן די גרויסע שמחה.

פארשטייט זיך אז אזא איבערלעבעניש האט ארייגעברענגט א גרויס פרייד פון קדושה, און א שטארקע ליבשאפט צום היילינגן באשעפער, א רצון זיך שטארקער צו באהעפטן צו זיין הייליגע תורה, זיך שטארקן צו היטן די מצוות, און צו פארמערן מעשים טובים צדקה וחסד, דאס ברענגען ביכורים האט געמוטיגט און געשטארקט, אנגעצינדן א פלאם פון הייליגן פייער, אין די הערצער פון אלע אידן.

אויסער דעם האט דאס ארויפגיין אויף ירושלים אליין געהאט א גרויסע השפעה אויף אלע אידן, ווייל א גאנץ יאר זייענדיג ביי זיך אינדערהיים איז מען געווען פארנומען מיט די פרנסה, וואס דערמיט האט מען פארברענגט פיל צייט פונעם טאג.

יעצט אבער אז מען האט געוואוסט אז באלד קומט די צייט וואס מען וועט ארויפגיין קיין ירושלים, און מען וועט זיך דארט דארפן ווייזן פאר השי"ת אין זיין הייליגן הויז, אויפן הייליגסטן ארט פון די גאנצע וועלט וואו השי"ת מאכט רוהען זיין שכינה צווישן אידן, האט מען זיך שוין אנגעהויבן צו צוגרייטן דערויף פון פריער.

גאנצע וואכן און חדשים האט מען נישט פארגעסן דערפון, א גאנצן טאג, אויך זייענדיג באשעפטיגט מיט די אייגענע זאכן האט מען אינזיינען געהאט אז מען דארף זיך צוגרייטן ארויפצוגיין קיין ירושלים, וואס פאר א פנים וועט מען דארט האבן אנקומענדיג ליידיג פון תורה, מצוות, און מעשים טובים.

ווען מען האט זיך שוין ארויסגעלאזט אין וועג, איז מען געווען פול מיט דערהויבנקייט און התעוררות אויף תשובה, און אמת'דיגע חרטה אויף די אלע עבירות. מען האט זיך פארגענומען מיט א פעסטן אפמאך צו זיין מער באהאפטן צו די תורה הקדושה מיט אירע מצוות.

פיל מער איז אבער דער מענטש נתעורר געווארן אנקומענדיג קיין ירושלים צום הר הבית, צו די עזרה פון בית המקדש.

א הייליגער ציטער האט יעדן ארומגענומען זעענדיג דארט די נאנטע צו השי"ת, די הייליגע און דערהויבענע אידן וואס זענען אויך א גאנץ יאר אויסגעטאן פון אלע גשמיות'דיגע ארבעט, דא האט מען באגעגנט די "כהנים" וואס טוען די הייליגע עבודה אין בית המקדש, דא האט מען געזעהן די "לויים" וואס זינגען זייערע הארציגע און הייליגע התעוררות ניגונים פאר השי"ת, וואס דאס הארץ האט געקענט צוגיין אויסהערנדיג זיי, אויך האט מען באגעגנט דארט די "ישראלים", וואס זענען געווען יעצט די אנשי מעמד, ווי זיי טוען זייער אויפגאבע מיט גרויס קדושה און דערהויבנקייט אין שליחות פון גאנצן כלל ישראל, מען האט געזעהן אמת'דיגע ערליכע אידן, אמת'דיג דינען השי"ת.

# אשרי העם שככה לו, אשרי העם שה' אלוקיו